**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/19/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דערמאנט ניו יארקער איבער אויסגעברייטערטע 'מוּאוו אָווער' געזעץ צו ארײנרעכענען אלע אפגעשטעלטע קארן אויף הייוועיס**

***דרייווערס מוזן פארן שטייטער אדער זיך אריבערוקן צו פארמיידן אן אנשטויס אין סיי וועלכע געשטראנדעטע אדער אפגעשטעלטע קאר***

***'מוּאוו אָווער' געזעץ באשיצט דרייווערס, פּיסגייער, הייוועי ארבייטער און עמערדזשענסי מאנשאפטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט דערמאנט דרייווערס אז ניו יארק'ס 'מוּאוו אָווער' געזעץ וועט בקרוב אויסגעברייטערט ווערן צו ארײנרעכענען אלע קארן, א זאך וואס וועט פארבעסערן הייוועי זיכערהייט פאר יעדן. אנגעהויבן אין מערץ 27, 2024, וועלן דרייווערס זיין געפאדערט צו זיין פארזיכטיג, ארײנרעכענענדיג פארן שטייטער און זיך אריבעררוקן, כדי צו פארמיידן אן אנשטויס מיט יעדע קאר וואס איז אפגעשטעלט לענגאויס די שאסיי.

"די זיכערהייט פון אלע ניו יארקער איז מיין הויפט פריאריטעט, באזונדערס די וועלכע זענען אפגעשטעלט אויף די זייט פון די שאסיי", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אויב זעהט איר אז איר דערנענטערט זיך צו א געשטראנדעטע קאר, פארשטייטערט אייער שנעלקייט און רוקט זיך אריבער ווי גוט איר קענט כדי זיי צו געבן פלאץ."

פון 2016 ביז 2020 זענען 37 מענטשן דערהרג'ט געווארן אינדרויסן פון געשטראנדעטע קארן אין ניו יארק. אריבער דאס לאנד ווערן כמעט 300 דרייווערס אראפגעקלאפט און געהרג'ט געווארן אויף די זייט פון די שאסיי יעדעס יאר. דער 'מוּאוו אָווער' געזעץ איז איינגעפירט געווארן כדי צו פארמיידן די טראגעדיעס און מאכן ניו יארק'ס שאסייען זיכערער פאר יעדן.

דער געזעץ איז צום ערשט אריין אין קראפט אין 2010 צו פארמיידן עקסידענטן מיט עמערדזשענסי וויהיקלס וואס זענען אפגעשטעלט אויף די שאסיי. דער געזעץ איז אויסגעברייטערט געווארן עטליכע מאל צו אויף דעקן קארן/טראקס וואס שטעלן א געפאר ('העזערד'), הייוועי ארבייטער קארן/טראקס און שלעפער טראקס. אין 2023 האט גאווערנער האקול [אונטערגעשריבן א ביל](#) צו ווייטער פארשטערקערן דעם געזעץ דורכן ארײנרעכענען די באשיצונג פאר אלע קארן וואס זענען אפגעשטעלט אויף די זייט פון די שאסיי. אונטער דעם געזעץ, דארף א דרייווער וואס דערנענטערט זיך צו א קאר וואס איז אפגעשטעלט אויף סיי וועלכע זייט פון די שאסיי:

- טוישן צו א לעין וואס איז נישט גלייך נעבן די קאר, אדער
- פארשטייטערן די שנעלקייט צו א נארמאלע שנעלקייט אויב זיי קענען נישט זיכערערהייט זיך אריבעררוקן צו אן אנדערע לעין.

איך היינט קומט די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע (Governor's Traffic Safety Committee, GTSC) ארויס מיט א פובליק אויפמערקזאמקייט קאמפיין נוצנדיג ראדיאו, סאָושעל מידיע און אנדערע דרויסנדיגע מיטלען צו דערמאנען מענטשן אז זיי וועלן דארפן פארן שטייטער און זיך אריבעררוקן ("Slow Down, Move Over") ווי גוט זיי קענען ווען זיי טרעפן זיך אן אין איינעם וואס איז אפגעשטעלט אויף די זייט פון די שאסיי אדער אין א לעין. לויט די נאציאנאלע הייוועי טראפיק זיכערהייט אדמיניסטראציע (National Highway Traffic Safety Administration), האבן אלע 50 סטעיטס "מוּאוו אָוועך" געזעצן צו באשיצן געזעץ אינפארסירונג אפיצירן און אנדערע ערשטע הילף מאנשאפטן, אבער א דריטל פון אמעריקאנער ווייסן נישט איבער די געזעצן.

**DMV קאמישאנער און פארזיצער פון די גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע, מארק דזש. פ. שרעידער, האט געזאגט,** "די אויסברייטערונג פון דעם 'מוּאוו אָוועך' געזעץ איז נאך א ביישפיל פון ניו יארק סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו מאכן די סטעיט פאר א זיכערע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און פארן. איר ווייסט קיינמאל נישט ווען איר וועט זיך מעגליך דארפן אפשטעלן, אבער ווען עס געשעהט, ווילן מיר זיכער מאכן אז איר קענט דאס טוהן אן שטעלן זיך אליין אדער אנדערע אין געפאר. יעדער פון אונז איז פאראנטווארטליך צו טוהן אונזער חלק צו פארמיידן טראגעדיעס אויף אונזערע שאסייען, אלזא פאלגט ביטע אויס דעם געזעץ. פארט שטייטער און רוקט זיך אריבער ווען איר זעהט אן אנדערע קאר אפגעשטעלט."

**טרו-ווײ אויטאריטעט צייטווייליגער עקזעקיוטיוו דירעקטאר, פרענק ג. האור, עסקווייער, האט געזאגט,** "פארשטערקערן דעם 'מוּאוו אָוועך' געזעץ דורכן אויסברייטערן די באשיצונג צו אלע קארן וואס זענען אפגעשטעלט אויף די זייט פון די שאסיי וועט העלפן ראטעווען לעבנס. דער געזעץ איז געווידמעט צו באשיצן דרייווערס, עמערדזשענסי מאנשאפטן, טרו-ווײ ארבייטער און אנדערע וואס העלפן ארויס געשטראנדעטע קארן. ווען איר זעהט סיי וועלכע קאר אפגעשטעלט אויף די זייט, פארט שטייטער און רוקט זיך אריבער זיכערערהייט. מיר באדאנקען אונזערע שותפים ביי די ניו יארק סטעיט פאליציי טרופּ T פאר זייער ארבעט ביים פאטראלירן די טרו-ווײ און האלטן דרייווערס זיכער."

**טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טערעזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "די אויסברייטערונג פון ניו יארק'ס 'מוּאוו אָוועך' געזעץ צו אריינרעכענען געשטראנדעטע און אפגעשטעלטע קארן אויף די שאסיי איז קריטיש צו דערגרייכן די ציהל פון עלימינירן פאטאליטעטן אויף די שאסייען. מיט 37 מענטשן דערהרג'עט אינדרויסן פון געשטראנדעטע קארן אויף ניו יארק'ס שאסייען צווישן 2016 און 2020, וועלן גאווערנער האקול'ס שריט צו אויסברייטערן דעם 'מוּאוו אָוועך' געזעץ פונדאמענטאל ראטעווען לעבנס דורכן לייגן זיכערהייט קודם."

**ניו יארק סטעיט פאליציי צייטווייליגער סופּעראינטענדענט, סטיווען ג. דזשעימס, האט געזאגט,** "די ניו יארק סטעיט פאליציי בלייבט איבערגעגעבן צו האלטן אונזערע שאסייען זיכער — פאר די וואס פארן אויף זיי און פאר די וואס ארבעטן אויף זיי. דורכן אויסברייטערן דעם 'מוּאוו אָוועך' געזעץ און שטרענג אינפארסירן די סעיפים דערפון, וועלן מיר קענען ווייטער פארשטערקערן די זיכערהייט פון אלע וואס נוצן אונזערע שאסייען אריבער די סטעיט. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר מיטגעטיילטע פארפליכטונג און פעלזן-פעסטע איבערגעגעבנקייט צו פארשטערקערן זיכערהייט אויף ניו יארק'ס שאסייען."

**אסעמבלי מיטגליד קען זעבראָווסקי:** "דער אריגינעלער 'מוּאוו אָוועך' געזעץ איז געווען א ווירקזאמע וועג צו פארמיידן טויטפעלער אויף די זייט פון די שאסיי, און אויסברייטערן דעם געזעץ צו אלע אפגעשטעלטע אדער געשטראנדעטע קארן איז די קומענדיגע שכל'דיגע טריט. איך בין שטאלץ געווען צו ארבעטן מיט די

גאווערנער און מיט מיינע קאלעגן צו אריבערפירן די אויסברייטערונג, און איך האף עס צו זעהן מאכנדיג אונזערע שאסייען זיכערער."

**סענאטארשע ליע וועב האט געזאגט,** "איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פארן דערמאנענע ניו יארקער איבער דעם 'מוּאוו אָוועֶר' געזעץ און גיבן פריאריטעט פאר די וואוילזיין און זיכערהייט פון דרייווערס אריבער אונזער סטעיט. דורכן פאדערן דרייווערס צו זיין פארזיכטיג, רעדוצירן שנעלקייט און טוישן לעינס ביים זיך דערנענטערן צו קארן וואס זענען אפגעשטעלט לענגאויס אונזערע שאסייען, קענען מיר פארקלענערן די צאל פאטאליטעטן און ערנסטע וואונדן וואס געשעהען. איך בין שטאלץ געווען צו ספּאנסארן די ביל אין די סענאט און בלייבן פארפליכטעט צו פארבעסערן זיכערהייט פאר אלע וואס פארן."

באזוכט די GTSC'ס וועבזייטל פאר נאך אינפארמאציע איבער דעם 'מוּאוו אָוועֶר' געזעץ און אנדערע הייוועי זיכערהייט איניציאטיוון.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן